Published by
the Association for
Yiddish Studies
in France
and
the Medem Library

# דער ייִדישער טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-למוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 2, נומער 1 (6)

תשרי תשנ״ז / אָקטאָבער 1996

## זײַט באַגריסט טײַערע לייענערס !

מיר האָפֿן אַז איר האָט אַלע פֿאַרברענגט[1] גוטע וואַקאַציעס און אַז איר זײַט איצט גרייט אָנצוהייבן דאָס נײַע יאָר אַרבעט.

דאָ אין פּאַריז זענען מיר אין יולי געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיטן ייִדיש-זומערקורס, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן[2] אַ גרויסע הצלחה[3]. אין די לאָקאַלן פֿון דעם „אינסטיטוט שאַרל 5" און דעם „מעדעם-צענטער" זענען זיך צונויפֿגעקומען 63 מענטשן פֿון צען פֿאַרשיידענע לענדער מיט דעם ציל זיך אינטענסיוו צו באַשעפֿטיקן[4] מיט ייִדיש. דרײַ וואָכן לאַנג האָבן אַלע שווער געאַרבעט - אין נחת[5] און אין פֿרייד.

איצט הייבט זיך אָן דער צווייטער יאָרגאַנג[6] פֿונעם *ייִדישן טעם-טעם* און מיר פֿאַרבעטן[7] אַלעמען צו דער צוזאַמענאַרבעט. שיקט אונדז צו אײַערע בריוו מיט פֿראַגעס און טענות[8], מיט פֿאָרלייגן[9], אַרטיקלען, לידער, בילדער - אַלץ וואָס איר אַליין וואָלט געוואָלט זען אין דעם זשורנאַל.

1. spent ; 2. זיך אַרויסווײַזן turn out to be ; 3. HATSLOKhE success ; 4. busy themselves with; 5. NAKhES joy, satisfaction ; 6. year of publication ; 7. invite ; 8. TAYNES complaints ; 9. suggestions

## צום נײַעם יאָר תשנ״ז[1]



**מיר ווינטשן אַלעמען אַ גוטן אָנהייב שוליאָר און אַ גוט יאָר תשנ״ז. פֿאַר די וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי מע שרײַבט די יאָרן אויף ייִדיש, גיבן מיר דאָ אַ קורצע דערקלערונג.**



**ייִדישע אַסטראָלאָגן פֿון מיטל-עלטער**

דאָס נײַע יאָר וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם ערשטן תשרי[2] (הײַיאָר[3] איז דאָס אויסגעפֿאַלן דעם פֿערצנטן סעפּטעמבער) איז דאָס יאָר 5757, לויט אַ רעכענונג וואָס הייבט זיך אָן מיט דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט. די אַלגעמיינע[4] (קריסטלעכע) צײַט-רעכענונג הייבט זיך אָן מיט 3760 יאָר שפּעטער. דאָס הייסט, אַז דאָס אַלגעמיינע יאָר (1997) פּלוס 3760 גיט אונדז דאָס ייִדישע יאָר (5757).

אָבער ווי אַזוי שרײַבט מען 5757 מיט די 22 ייִדישע אותיות[5] ? איר ווייסט, אַז יעדער אות האָט אַ נומערישן ווערט. **א**=1, **ב**=2 און אַזוי ווײַטער ביז 10 ; **כ**=20, **ל**=30, ביז **צ**=90 ; די פֿיר לעצטע אותיות - **ק, ר, ש, ת** זײַנען עקוויוואַלענטן פֿון 100, 200, 300 און 400.

ווען מע שרײַבט אַ יאָר איז נישט נייטיק צו שרײַבן דעם ערשטן ציפֿער, ד״ה[6], דעם יאָרטויזנט[7], ווײַל מע ווייס אין אַלגעמיין[8] פֿון וועלכן יאָרטויזנט מע רעדט. שרײַבט מען נאָר 757.

700=400(ת) + 300(ש), 50=נ, 7=ז : באַקומט זיך[9] תשנ״ז.

אויב מע וויל פֿאָרט[10] אָנגעבן די פֿולע דאַטע, שרײַבט מען אַן אות מיט אַן אַפּאָסטראָף וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר[11] דעם יאָרטויזנט. אַזוי איז דאָס נײַע יאָר ה'תשנ״ז.

זאָל עס זײַן אַ גוט יאָר מיט געזונט און מזל !

1. TASHNAZ [the year 5757] ; 2. TISHRE the month of Tishri ; 3. דאָס יאָר ; 4. common ; 5. OYSYES sing. אות OS letter of the alphabet ; 6. דאָס הייסט that is (to say) ; 7. millenium ; 8.in general ; 9. it comes out ; 10. anyway, nevertheless ; 11. represents

# ס׳בלײַבט דער טרויער, און די לידער

**דער ייִדישער פּאָעט משה וואַלדמאַן איז געשטאָרבן אין פּאַריז דעם 18טן יולי 1996.**
**די באַטייליקטע פֿון ייִדישן טעם-טעם דריקן אויס זייער מיטגעפֿיל[1] משה וואַלדמאַנס אַלמנה[2] מנוחה ראַם, זײַן טאָכטער רחל ערטעל און דער גאַנצער משפּחה.**

משה וואַלדמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אָזאָרקאָוו אין 1910. זייער יונג האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן און אין 1938 אַרויסגעגעבן זײַן ערשט בוך לידער, „פֿאַרטונקלטע פֿרימאָרגנס“. נאָך דער מלחמה וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין ראַטן-פֿאַרבאַנד, איז ער אָנגעקומען אין פּאַריז צוזאַמען מיט זײַן ווײַב, די דערציילערין מנוחה ראַם. דאָ האָט ער ווײַטער געשריבן און זײַן גאַנץ לעבן געאַרבעט פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך און קולטור.

בײַם אָפֿענעם קבֿר[3] האָט יצחק ניבאָרסקי געהאַלטן אַ הספּד[4], וואָס פֿון אים גיבן מיר דאָ איבער אַ פֿראַגמענט.

„משה וואַלדמאַן איז געווען אַ טוער און אַ מאָנער פֿאַר ייִדיש מאַמע-לשון. בראָש[5] פֿונעם פּאַריזער אָפּטייל פֿון קולטור-קאָנגרעס, ווי דער אַרויסגעבער פֿונעם זשורנאַל „פֿאַר אונדזערע קינדער“, ווי דער אָנרעגער פֿון אַנדערע פּובליקאַציעס און קולטור-אונטערנעמונגען, צי אַפֿילו בעת זײַנע אָפּטע און לאַנגע באַזוכן אין ישׂראל אין די לעצטע יאָרצענדליקער, האָט ער שטענדיק געהאַט פֿאַר די אויגן אַ דרײַפֿאַכן ציל : אָנהאַלטן די אַלוועלטלעכע פֿאַרבינדונג פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס-משפּחה, צושמידן די ייִדישע שאַפֿונג צו דער עטישער מסורה[6] פֿון זײַן באַליבטן פּאָעט ה. לייוויק, און איבערגעבן די דאָזיקע קולטור-ירושה די ווײַטערדיקע דורות. אין זײַן פּערזענלעך לעבן איז ער פֿון דעם דאָזיקן אידעאַל נישט אָפּגעטראָטן, און האָט אים אין אַ גרויסער מאָס בפּועל ממש[7] דורכגעפֿירט. און אויב אַ וואָלקן האָט זיך געלייגט אויף זײַן געמיט אין די לעצטע צײַטן, האָט דאָס אַוודאי אויך געהאַט אַ שייכות צו דער אָפּשוואַכונג פֿון דער קולטור, וואָס ער האָט אַלע יאָרן אַזוי אייפֿערדיק געבויט.“



משה וואַלדמאַן (געצייכנט פֿון מ. מילבערגער)



1. sympathy ; 2. ALMONE widow; 3. at the gravesite ; 4. HESPED funeral oration ; 5. BERO'sh at the head of ; 6. MESOYRE tradition ; 7. BEPOYEL MAMESh actually

# באַלאַדע פֿון אַ יתום[1]

## פֿון משה וואַלדמאַן

גיי איך צו מײַן טאַטנס הויז
טיר און טויער צוגעשלאָסן.
הער איך פֿון אַ שטוב אַרויס :
- ס׳איז דײַן טאַטע אויך געשאָסן...

רוף איך צו דעם פֿענצטער-אויג :
- עפֿן מאַמע, עפֿן אויף.
טוט זיך ווער[2] פֿאַר מיר אַ נייג[3] :
- ס׳איז איר קבֿר[4] דאָ אין הויף.

גיי איך צו מײַן זיידנס הויז,
איז די טיר אויף שלאָס פֿאַרמאַכט.
הער איך פֿון אַ שטוב אַרויס :
- ס׳איז דײַן זיידע אומגעבראַכט.

רוף איך צו דעם פֿענצטער-אויג :
- באָבע האָסט מיך נישט דערקענט ?
טוט זיך ווער פֿאַר מיר אַ נייג :
- זי איז לעבעדיק פֿאַרברענט...

גיי איך צו מײַן שוועסטערס הויז,
קלאַפּ איך אין דער טיר אָן[5] שטאַרק.
הער איך פֿון אַ שטוב אַרויס :
- אויפֿגעהאָנגען זי אין מאַרק...

רוף איך צו דעם פֿענצטער-אויג :
- ברודער מײַנער דאָס בין איך.
טוט זיך ווער פֿאַר מיר אַ נייג :
- ער זוכט דעם וועג צו זײַן משיח...

גיי איך פֿון דער שטאָט אַרויס,
דער טאָג איז ווי אַ ווונד צעגליט[6].
אַלע וועגן גייען אויס
און איך זוך מײַן ברודערס טריט.

**לאָדזש, 1947**

1. YOSEM orphan ; 2. *here* : someone ; 3. אַ נייג טאָן to bow ; 4. KEYVER grave ; 5. אָנקלאַפּן knock (at a door) ; 6. burning

# יִדיש אייביק יונג

**אויף דעם יִדיש-סימפּאָזיום וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם זומער אין ירושלים האָבן זיך קלאָר אַרויסגעוויזן די פּראָבלעמען פֿון יִדיש אין ישׂראל.**

דעם 29סטן און 30סטן יולי 1996 איז פֿאָרגעקומען אין ישׂראל אַן אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענפֿאָר פֿון יונגע יִדישיסטן, אונטערן נאָמען „יִדיש אייביק יונג“, אָרגאַניזירט פֿון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט „המשך דור[1], ליבהאָבער פֿון יִדיש.“

די אַמביציעס פֿון אָט דער טרעפֿונג זענען געווען גרויסע און די פּראָגראַם אַ רײַכע, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ ביסל אַנטוישנדיק[2] : עס זענען געקומען ווייניק מענטשן, און דער עיקר ישׂראלדיקע, אַזוי אַז די טרעפֿונג איז געווען מער אַ נאַציאָנאַלע ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע. דעריבער האָבן זיך קלאָר אַרויסגעוויזן די הויפּטפּראָבלעמען פֿון קיום[3] פֿון יִדיש אין אַ העברעיִשער און ציוניסטישער סבֿיבֿה[4].

אין ישׂראל שטייט די יִדישע שפּראַך אין אַ סתּירותדיקן[5] מצבֿ[6] : פֿון איין זײַט פֿילט מען אַז יִדיש איז אַ „טייל פֿון דער לאַנדשאַפֿט“ פֿון דער יִדישער מדינה. אַ סך תּושבֿים[7] קענען די שפּראַך און אַ געוויסער טייל פֿון די וואָס קענען זי נישט, פֿאַרשטייען זי ווײַל זיי האָבן זי געהערט אין דער משפּחה, אין קאַפֿע אָדער אין סופּערמאַרק. אָבער פֿון אַן אַנדער זײַט איז יִדיש אַ קרבן[8] פֿון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע אַ דאַנק וועלכער די מדינה האָט געקענט געבויט ווערן. די אידעאָלאָגיע האָט זיך זייער אָפּגעשוואַכט, אָבער אירע אָפּקלאַנגען זענען נאָך בנימצא[9]. און די וואָס זאָרגן פֿאַרן יִדיש-קיום האָבן צו טאָן מיט די דאָזיקע קעגנערישע כּוחות.

דער מצבֿ פֿון יִדיש אין די וועלטלעכע קרײַזן איז, ווי אומעטום אין דער וועלט, זייער שוואַך. יִדיש ווערט געלערנט אין עטלעכע שולן און גימנאַזיעס אָבער ווערט באַטראַכט דורכן דערציִונג-מיניסטעריום אַלס אַ פֿרעמדשפּראַך, אויף דער זעלביקער מדרגה[10] ווי כינעזיש און פּאָרטוגעזיש.

אין דער אָרטאָדאָקסישער געזעלשאַפֿט איז די סיטואַציע אין גאַנצן אַנדערש. יִדיש איז, כּידוע[11], די לימוד-שפּראַך[12] פֿון דעם רובֿ[13] ישיבֿות, אָבער דאָרטן ווערט זי אין גאַנצן נישט געלערנט מעטאָדיש : זי איז בלויז אַ מיטל פֿונעם לימוד. נאָר, לויט דעם באַריכט וואָס ס'האָט אָפּגעגעבן דבֿורה קאָסמאַן, אַ געוועזענע פּאַריזערין וואָס איז עולה געווען[14] מיט אַ צענדליק יאָר צוריק, הייבט מען דאָרטן אָן צו לערנען יִדיש ווי אַ נאָרמירטע שפּראַך, מיט גראַמאַטיק, וואָקאַבולאַר, קולטור, געשיכטע, אאַ"וו.

און נאָך איין זאַך : ירושלים ווערט וואָס ווײַטער אַלץ פֿרימער.

די אָרטאָדאָקסישע באַפֿעלקערונג - צוליב פּשוטע דעמאָגראַפֿישע סיבות (פֿרומע יִדן האָבן אַ סך קינדער) - וואַקסט יעדן טאָג אין כּוח און אין צאָל. אַ סך אָרטאָדאָקסן זענען אויך עולה געווען פֿון אַמעריקע און פֿון אייראָפּע אין די לעצטע יאָרן, און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ שטיקל מאָדערניטעט. אין די „נײַע“ פֿרומע משפּחות בלײַבט מען נישט נאָר אין די ישיבֿות, נאָר מען באַזוכט, צוזאַמען מיט די קינדער, דעם זאָאָלאָגישן אָדער דעם באָטאַנישן גאָרטן. מען גייט אויך אין רעסטאָראַן. אַזוי אַרום זעט מען אין די-אָ ערטער מחנות[15] קינדער מיט טלית-קטן-און-פּאות[16] וואָס רעדן, שפּילן, שרײַען און וויינען... אויף ריינעם מאַמע-לשון.

1. HEMShEKh DOR "Continuity" ; 2. disappointing ; 3. KIEM existence ; 4. SVIVE environment ; 5. STIRESDIK contradictory ; 6. MATSEV status, situation ; 7. TOYShOVIM sing. תּושב TOYShEV resident; 8. KORBN victim ; 9. BENIMTSE זײַן בנימצא to exist ; 10. MADREYGE level; 11. KEYEDUE as we all know ; 12. LIMED-... language of studies 13. ROV דאָס רובֿ majority ; 14. OYLE עולה זײַן immigrate to Israel ; 15. MAKhNES groups, hordes ; 16. TALES KOTN UN PEYES fringed ritual garment and earlocks



# אַן אלף-בית שפּיל

Here is the alphabet from א to ת.
Follow the dots and you will find a valuable tool for your studies.



## וואָס איז דאָס ?

## דאָס איז אַ . . . !

**איר קענט געפֿינען דעם טעם-טעם**
**אויף אינטערנעט *אויפֿן* אַדרעס**
**http://www.col.fr/tamtam/**

**ענטפֿער אויפֿן ליטעראַרישן רעטעניש פֿון נומער 5 :**

שלום עליכם : „דער אוצר“
אויף יענער זײַט באַרג, הינטערן אַלטן בית-מדרש,
געפֿינט זיך אַן אוצר - אַזוי האָט מען געשמועסט בײַ אונדז אין שטעטל.

# בריוו פֿון אויסטראַליע

4

מיט 3000 יאָר צוריק האָט משה רבנו אַרויסגעפֿירט די בני ישראל פֿון מצרים[1]. זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַנדערט ביז זיי זענען אָנגעקומען אין מעלבורן, אויסטראַליע. אין 18טן יאָרהונדערט האָבן זיי דאָרטן אָנגעהויבן זוכן גאָלד. עטלעכע האָבן געמאַכט אַ מאַיאָנטיק[2] און געוואָרן גבירים[3] - ווען זיי האָבן נישט אַלץ פֿאַרשפּילט אין קאָרטן.

נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה זענען די געראַטעוועטע פֿון חורבן אַנטלאָפֿן וואָס ווײַטער פֿון אייראָפּע, ווו זיי האָבן אַזוי פֿיל געליטן. אַן ערך[4] 40 000 ייִדן לעבן הײַנט אין מעלבורן און בדרך-כלל[5] איז פֿאַר זיי דאָרטן נישט אַזוי שלעכט.

אויפֿן „פּלעצל“ פֿון מעלבורן אין קאַרלײַל סטריט קען מען קויפֿן די בעסטע בייגל און חלות אין דער בעקערײַ וואָס הייסט גליקס. און ווען איר ווילט קריגן געפֿילטע פֿיש אָדער אַנדערע דעליקאַטעסן וועט איר געפֿינען קעגנאיבער אונטער דעם שילד „גאָלדען טשויס“ אַ קראָם מיט אַל דאָס גוטס. אין קאָפֿילד וווינען צום מערסטן ייִדן און זונטיק אין דער פֿרי אויף אָקלאַנד סטריט הערט מען רעדן מער ייִדיש ווי ענגליש.

הונדערטער קינדער לערנען זיך אין די ייִדישע שולן אויף ענגליש, העבעריש און אפֿילו אויף ייִדיש.

בלויז איין טרויעריקע ידיעה[6] דאַרף מען דאָ איבערגעבן : די לעצטע ייִדישע צײַטונג, „ייִדישע נײַעס“ האָט אויפֿגעהערט צו דערשײַנען נאָך 64 יאָר אין דעצעמבער 1995.



פֿון אונדזער ספּעציעלן שליח[7] אין אויסטראַליע, שמואל גראָסמאַן

1. MITSRAIM Egypt ; 2. fortune ; 3. GVIRIM (sing. GEVI'R גבֿיר) rich men ; 4. AN EREKh approximately ; 5. BEDEREKh KLAL in general ; 6. YEDIYE piece of news ; 7. ShELIAKh messenger, here : correspondent

**אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט:**



**בערטראַן, זשיל, יצחק, נאַטאַליאַ, רובי, שמואל**


מעדעם-ביבליאָטעק
BIBLIOTHÈQUE MEDEM
52, rue René-Boulanger
75010 Paris

AEDCY
DER YIDISHER TAMTAM
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03